בס"ד. שיחת יום ב׳, מוצאי זאת חנוכה, תשל"ה. **הנחת הה׳ בלתי מוגה**

א. (קטע משיחה א׳ יצא לאור בפ"ע בליקוט דזאת חנוכה תשל"ה).

...כמדובר (ראה שיחת מוצאי זאת חנוכה תשל"ד), איז אע"פ אז די מצוה וואס זיינען פארבונדן מיט די אכט טעג – דחנוכה – קאן מען ניט טאן במוצאי חנוכה; איז אבער דא כמה ענינים וואס זיינען מעין ובדוגמת עניני חנוכה. ואב וראש לכולם – תורה וועגן חנוכה.

און אין תורה איז דאך דא (אע"פ אז ס׳איז תורה אחת) "נשמתא דאו-רייתא" – פנימיות התורה; און גופא דאורייתא – נגלה דתורה.

און בפרט אין דעם ענין פון חנוכה וואס איז איבערהויפט פארבונדן מיט דער מנורה, און דעם אור וואס אין מקדש, און אין מקדש גופא איז דאס געווען ניט אין עזרה ועאכו"כ ניט מחוץ לעזרה – על הר הבית – נאר ס׳איז געווען דוקא בהיכל. און וואס פאר אן ענין איז דאס געווען – אן ענין של אורה,

וואס דאס איז דאך מער פנימיות׳דיק ווי לחם – "שלחן בצפון ומנורה בדרום" (יומא כא, סע"ב), אט דארטן וואו ס׳הערט זיך אן דער ענין פון אור הערט זיך "נר מצוה ותורה אור" וואס דאס הערט זיך אן און זעט זיך אן אין דעם ענין המנורה מערער ווי אין דעם ענין השלחן.

[ וואס דערפאר איז דוקא די מנורה – נר מערבי שבה – געווען׳דער "עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל" (שבת כב, ב), משא"כ בנוגע לשלחן איז מער ניט בשעת ס׳איז געווען די שלש רגלים, האט מען אויפגעהויבן דעם שלחן און מ׳האט באוויזן די עולי רגלים אז דער לחם איז חם כיום סידורו (חגיגה כו, ב), משא"כ די מנורה איז "עדות היא ל(כל) באי עולם"].

עאכו"כ כמבואר בקבלה און אין חסידות אז דער שמן באווייזט אויף דעם ענין פון פנימיות התורה, וואס דאס איז דאך אויך וואס ער זאגט אין מדרש אז נגלה דתורה ווערט אנגערופן בשם מים ולחם, משא"כ שמן ויין איז דאס פארבונדן מיט ענינים פון רזין דאורייתא – סודות התורה, און חנוכה איז דאך שייך צו שמן, וכנ"ל.

ואע"פ אז דער נס פון חנוכה איז דאך געווען בשני ענינים – א) דער נס פון נצחון המלחמה – ווי מ׳זאגט אין "ועל הנסים" – און ב) דער נס השמן וואס איז געווען במנורה – איז דאך דער עיקר פון חנוכה דער ענין הנרות, (כמבואר בארוכה בכמה אחרונים, און דער ראגאטשאווער קאכט זיך אין דעם), וכלשון הרגיל אין מאמרי חסידות "למה קבעו נס דחנוכה בנרות"?

דאע"פ אז בחנוכה איז דאך פאראן "הלל והודאה" (שבת כא, ב), אבער דער עיקר איז דער ענין הנרות ופרסומי ניסא. וואס דערפאר איז דער עילוי וואס איז דא אין חנוכה – פרסומי ניסא, אלץ פארבונדן מיט דעם ענין הנרות.

ביז וואנעט אז "הלל והודאה" טוט דאס יעדערער אליין (אדער – "שומע כעונה"); משא"כ בנוגע לנ"ח איז אויך דא א מציאות פון "הרואה נר של חנוכה צריך לברך" (שבת כג, א).

ובכל אופן איז דאך דער דיוק אין נ"ח אז ס׳דארף זיין דוקא להאיר, וואס דערפאר איז בשעת ס׳איז ניטא די בני בית – ס׳איז ניטא אימעצער וואס זאל האבן דעם פרסומי ניסא, ווערט א שאלה צי מעג ער צינדן, אפי׳ ווען דאס איז בזמנה.

און די נ"ח איז דאך ענינם בשמן, וואס דערפאר איז כאן המקום צו רעדן עכ"פ אן ענין אין נגלה און אן ענין אין חסידות.

דער ענין אין נגלה:

ס'איז דא א קשיא, וואס איז לכאורה א קושיא עצומה: דער נס חנוכה וואס איז געווען בשמן, איז באשטאנען אין דערויף וואס "ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהי' מונח בחותמו של כה"ג, ולא הי' בו אלא להדליק יום אחד, נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים" (שבת כא, ב), און מצד דעם נס ודבר פלא האט מען קובע געווען אן ענין לדורות.

ווערט גלייך א שטורעמדיגע קשיא: כבר הי' לעולמים, און נים אין ביהמ"ק, און קודם מ"ת, און מ'מאכט נים דערפון קיין פאראד!

און ווי גערעדט פריער (שיחות כ' מ"ח וש"פ ח"ש ש.ז. - נדפסו בלקו"ש ח"ש תשל"ו) באריכה, אז בשעת שרה האט געבענטשט ליכט, האט זיך אויפגעטאן אז ס'זאל זייך "נר דלוק מערב שבת לערב שבת" (רש"י ח"ש כד, סז), וואס בשעת א צווייטע האט געטאן דעם זעלבן ענין איז נים געווען "נר דלוק מע"ש לע"ש". איז דאך דערפון די הוכחה אז דער שמן איז געווען נאר וויפל מ'דארף האבן - דער שיעור פון נרות שבת (שו"ע אדה"ז סי' רס"ג סי"ג). נאר בזכותה וצדקתה של שרה, האט דער זעלבער שיעור השמן - וואס ביי אן אנדערער וואלט עס געברענט מער נים ווי דער שיעור וויפל מ'דארף האבן דעם שבת - געברענט "מע"ש לע"ש". און דערנאך בשעת ס'איז געקומען רבקה - "חזרו", איז ווייטער געווען "נר דלוק מע"ש לע"ש".

ובאמור, מאכט מען דערפון נים קיין שטורעם? /נאר וויבאלד אז שרה איז געווען א צדיקת און אויך רבקה איז געווען א צדיקת אין דער מידת הצדקות ווי ס'איז געווען ביי שרה'ן, איז, דערפאר, פונקט ווי ס'איז געווען ביי זיי "ענן קשור על האהל" - השראת השכינה (ראה לקו"ש ח"ש שם ס"י ובהע' 55) - און "ברכה מצוי' בעיסה" (רש"י שם) איז אזוי אויך געווען "נר דלוק מע"ש לע"ש".

ווערט לכאו' די תמיהה: מתתיהו בן יוחנן כה"ג [ ווי דער פירוש אין דערויף זאל נים זיין, צי "כה"ג" גיים אויף יוחנן אדער אויף מתתיהו; עכ"פ מתתיהו ] ובניו זיינען געווען צדיקים גדולים ביותר, און האבן זיך מוסר נפש געווען זייענדיק "מעטים" און "חלשים" כו', מים די גאנצע אריכות ווי מ'איז מסביר אין "ועל הנסים"; איז וואס איז אזוי דער שטורעם און דער פלא אז פון דעם פך וואס "ולא הי' בו אלא להדליק יום אחד" האט מען אנגעצונדן און ס'האט געברענט "שמונה ימים"?

לכאו' איז דא א חילוק - בפשטות - צווישן די ביידע ענינים: שרה האט אנגעצונדן די נרות מער נים ווי איין מאל. ווארום ס'איז נימא קיין ענין צו צינדן נרות שבת זונטיק מאנטיק צי דינסטיג וכו'. איז איין הדלקה האט אנגעהאלטן ביז ערב שבת הבא; אבער בנוגע נרות ביהמ"ק איז בינתיים געווען די מצות הטבה און דישון הנרות מים כמה פרטים. איז דאך אינדערויף געווען דער שינוי, אז בשעת די נרות האבן זיך פארלאשן האט מען דערנאך מטיב און מדשן געווען, און מ'האט אנגעצונדן נאך אמאל.

אבער דאס איז א חילוק ושינוי מער נים ווי אזוי ס'איז פארגעקומען אין מעשה. אבער בנוגע לכח השמן - וואס ער קאן אנהאלטן אכט טעג - איז נים געווען קיין חילוק.

במה דברים אמורים - אז ס'איז נים געווען קיין חילוק בין הנסים - אויב מ'זאל מדגיש זיין אז דאס וואס דער שמן (וואס בדרך הטבע "ולא הי' בו אלא להדליק יום א'") האט אנגעהאלטן אכט טעג - איז דאס געווען באופן אז יעדער טאג האט געברענט אן אכטל פון די שמן, וכדלקמן:

ס'איז דאך ידוע די שקו"ט אין אחרונים אז וויבאלד בדרך הטבע "ולא הי' בו אלא להדליק יום א'" - קומט דאך אוים אז דאס איז נים "שמן זית" (תצוה כז, ב) נאר שמן נס?

הנחה הת' בלתי מוגה

וואס דערפאר וויל מען אננעמען – פון די תירוצים וואס דער ב"י ברייינגט (או"ח סי' עת"ר) – דעם תירוץ אז מ'האט פאנאנדער-געטיילט דעם שמן אויף שמונה חלקים, און יעדער טאג האט מען מדליק געווען אן אכטל פון דעם "שמן זית" טבעי.

און מ'איז מאריך אין אחרונים אז בשעת ס'איז דא א הוספה על העיקר, הייסט עס ניט קיין ענין של נס.

און דערפאר זאגט מען די הסברה אז ס'איז טאקע געווען שמן זית, אבער בטבע דאדף א חצי לוג אנהאלטן אזוי פיל שעות "מערב עד בוקר" (תצוה כז, כא), מיט אלע פרטים שבדבר, און דא איז נשתנה געווארן מער ניט ווי דער איכות פונעם שמן, אז ס'האט אנגעהאלטן און געסטייעט אויף אכט טעג.

וואס עפ"ז וועט טאקע לכאו' אויסקומען אז דאס איז דער זעלבער ענין ווי ס'איז געווען ביי שרה'ן. אמת טאקע: דארטן איז דאס געווען "מע"ש לע"ש" – זיבן טעג, ניט קיין אכט טעג, אבער ס'זעט זיך ניט אן די הפלאה שבדבר, ווארום וואס איז אזוי דער חילוק שבנס צי אנשטאט איין טאג האט עס געברענט זיבן טעג, אדער – אכט טעג, אז פון דעם מאכט מען ניט קיין שטורעם [מער ניט, מ'ברייינגט א ראי' אז א צדיקת קען ברייינגען ברכה בעיסה און בשמן] און דערפון מאכט מען א מצוה לכל ישראל לכל הדורות?

איז דער ביאור אין דעם:

לויטן תירוץ הנ"ל איז דער ביאור אז דא, בנס חנוכה, איז דער שטודעס אז מ'איז געווען אזוי בטוח אז ס'וועט ברענען אכט טעג – אז לכתחילה האט מען אריינגעגאסן – אנשטאט א חצי לוג – מער ניט ווי אן אכט – חלק דערפון.

ועאכו"כ לויטן תירוץ (ב"י שם) אז "נתנו כל השמן בנרות ודלקו כל הלילה ובבקר מצאו הנרות מלאים שמן", איז דאס נאך מער פארשטאנדיק.

– און די שאלה (הנ"ל): מ'דאדף דאך האבן "שמן זית" ניט שמן נס (וראה ג"כ לקו"ש ה"ה ע' 80 הערה 27)? איז כמדובר אמאל בארוכה, קען מען טייטשן (דאס וואס מ'האט געדארפט אריינגיסן אין דער מנורה) "שמן זית" – אויף צוויי אופנים: א) שמן וואס איז געוואקסן אויף א זית; ב) שמן וואס האט די תכונות של שמן זית – אודו צלול, מיט נאך כמה וכמה תכונות.

בדוגמא ווי די גמרא (מנחות סט, ב) זאגט "חטין שירדו בעבים", וואס איין טייטש איז דאך (ניט אז די עבים – וואלקנס – האבן איבערגע-טראגן פון איין ארט אין א צווייטן (כפרש"י שם), נאר) אז דאס איז געווען "ע"י נס" (תוס' שם), ואעפ"כ ווערן זיי אנגערופן בשם "חטים". מיט וואס זיינען זיי חטים, דאס איז דאך גאר אן ענין נסי? דערפאר וואס זיי האבן אין זיך אלע תכונות פון חטים, ניט פון שעודים כו'. און עד"ז איז דאס אויך בנוגע צו שמן זית. –

עפ"ז טוט זיך אויף אן ענין אז ס'קאן ברענען א גאנצע נאכט, און ס'איז ניטא קיין חסרון, משא"כ ביי שרה ורבקה איז דערפון וואס מ'זעט אז דערנאך האט זיך דאס אויסגעלאזן, איז דאך א סימן אז ביסלעכווייז, אנהויבנדיק פון דעם רגע הדאשון וואס זי האט אנגעצונדן די ליכט, איז געווארן אלץ ווייניגער און ווייניגער.

וואס דאס איז אינגאנצן אן אנדער סארט נס באיכות: דא איז דער נס אז ס'ברענט ניט אזוי שנעל, אבער ס'ברענט, וואס אין ברענען איז דא דער ענין החסרון, משא"כ אין ביהמ"ק איז (לויט דעם תירוץ) לאחרי ווי ס'איז דורכגעגאנגען יום אחד האט מען א קוק געטאן, האט מען געזען אז

דער נר איז מלא מיט א חצי לוג שמן. איז דאך דאס געווען א נייער אופן אין הדלקת הנרות - אז ס׳איז ניט געווען קיין חסרון אין שמן.

אבער אעפ"כ איז דאס געווען א נר, און א נר של שמן זית, ווארום אויב ס׳וואלט ניט געווען פארבונדן מיט שמן זית, האט מען די מצוה ניט מקיים געווען, ווארום די מצוה באשטייט אין "בהעלותך את הנרות", און נרות פון "שמן זית זך כתית למאור", אבער ניט ס׳זאל ברענען אן ענין רוחני,

און דא זיינען געווען ביידע הפכים ביחד: דער נר איז געווען מלא, וביחד עם זה איז דער אור הנר וואס האט געברענט מערב עד בוקר - גענומען זיך פון כליון השמן, וביחד עם זה האט אין שמן גאר ניט געפעלט.

וואס דאס איז א נס נפלא, שני הפכים בבת אחת, וואס לא הי׳ בדוגמתו: ס׳דארף זיין אן אור וואס נעמט זיך פון שמן, וואס איז דער קשר צווישן אור מיטן שמן? איז ווי חסידות איז מבאר בארוכה - אין עבודה - אז ס׳מוז זיין כליון השמן, [וואס אין דערויף באשטייט די עבודה און דערפאר דארף ער אנקומען צו אוויר, און דורך דערויף ווערט נמשך פון כתר און חכמה כו׳ ווי דער גאנצער אריכות הביאור אין דרושי חנוכה] וביחד עם זה - ניט כליון השמן.

און לויט אט - דעם תירוץ ווערט גלאטיק נאך אן ענין: דער כלל איז אז כלי שרת "מקדשין" דארפן זיי זיין "מלאים" (זבחים פח, א). דא דארף דער שמן ניט האבן קיין קידוש דעם צווייטן טאג, ווארום ער איז שוין נתקדש געווארן דעם ערשטן טאג, אבער ס׳איז דאך פארשטאנדיק פון דעם דין וואס מ׳זאגט "כלי שרת אין מקדשין..אלא מלאים" אז דער ענין פון אלא ביי כלי שרה איז אן ענין שבח ועילוי ומעלה, וואס דווקא דעמולט זיינען די כלי שרה מקדשין.

ובדוגמא ווי דער דין איז ביי קידוש אז פון די ענינים פון קידוש איז אז ס׳דארף זיין על כוס מלא (שו"ע אדה"ז סי׳ רע"א סי"ח), אויב ער האט א רביעית, און כמה רביעיות אין א גרויסן כוס, איז דאס ניט ווי ס׳דארף צו זיין, ווארום ס׳דארף זיין על כוס מלא.

ועד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע למנורה: אויב מ׳זאל זאגן אז כ׳האט פאנאנדער-געטיילט אויף אכט חלקים, אדער - אז ס׳האט געפעלט די ערשטע נאכט מער ניט אן אכט חלק, און ס׳איז געבליבן זיבן אכטלעך, קומט דאך אויס אז חוץ לילה הראשונה איז ניט געווען דער ענין פון כלי שרה מלאים - אז די נרות המנורה זאלן זיין מלאים בשמן, משא"כ לויט אט דעם תירוץ אז מארגן אינדערפרי, נאכן "מערב עד בוקר", האט מען געזען אז ס׳איז געווען נרות מלאים.

און אט דא קומט מען צו דער חשובת הרשב"א (סי׳ תיח) - וואס ער איז מאריך בזה אין ס׳ החקירה (ע׳ 68) - אז ס׳קאן זיין שני הפכים בבת אחת. וואס חוקרי ישראל האבן געהאלטן אז דאס איז נמנע, און דער רשב"א פסק׳נט אז דער אויבערשטער איז נמנע הנמנעות.

במילא, איז ווי דער צ"צ (שם) ברייננט אויף דערויף די ראיות בארוכה, קען דאס זיין אפילו בדוגמא פון "מקום הארון אינו מן המדה" (יומא כא, א), אעפ"י וואס בכדי ס׳זאל זיין קדושת הארון און עס זאל פועל זיין דעם "אינו מן המדה" - מוז ער האבן די מדה פון "אמתיים וחצי" "אמה וחצי" און "אמה וחצי", און דווקא דורך דערויף פועל׳ט ער אויף דעם ענין אז "מקום הארון אינו מן המדה". וואס דאס איז שני הפכים בב"א.

וואס די הדגשה אין דערויף איז: ניט נאר אז ס׳איז געווען מדה און אינה מדה בבת אחת, נאר נאך טיפער: דאס וואס ס׳איז געווען "אינו מן המדה" איז דאס דווקא דורך דערויף וואס ס׳איז געווען מדה. אז ניט - איז

הנחה הת׳ בלתי מוגה

דאס ניט ארון און ניט קדושת הארון, במילא קאן דאס ניט אויפטאן "אינה מן המדה".

און עד"ז אויך בנוגע נס חנוכה. דער נס איז געווען **דערפאר** וואס ס׳דארף זיין אן אורה וואס איז פארבונדן מיט שמן זית. וואס איז דער קשר? שמן זית איז דאך ניט קיין לייכטנדיגע זאך? נאר דער אור נעמט זיך פון כליון השמן, וביחד עם זה איז - ווי איינער פון די חידושים וואס דער ב"י ברענגט - למחר בבוקר געווען "הנרות מלאים".

ויהי רצון, אז אזוי ווי מ׳קומט פון ימי חנוכה, וואס, כאמור לעיל, ע"י תורה קאן מען דאך ממשיך זיין אין אן אופן פון "ונשלמה פרים שפתינו", ביז "כאילו הקריב עולה" (מנחות קי, א) מיט א כ"ף הדמיון, ביז וואנעט אז ס׳שטייט (שם) אז דאס איז הקרבת עולה - אן א כ"ף הדמיון - עד שיבנה ביהמ"ק.

זאל אזוי זיין בקרוב ממש, דורך דערויף וואס מ׳לערנט אין תורה עניני חנוכה, און ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט תורת הקרבנות און בנין ביהמ"ק, ביז אז מ׳לערנט אין תורה ענינים והלכות וואס זיינען פארבונדן מיט הלכות מלכים, וכסיום פון הל׳ מלכים אין רמב"ם - מיט הלכות משיח צדקנו,

און פון "ונשלמה פרים שפתינו" וועט אראפקומען דער בפועל ממש, אז דער "מלך מבית דוד הוגה בתורה...כדוד אביו", וועט זיין "ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה, וילחום מלחמות ה׳ וינצח", ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל, ובקרוב ממש.

ב. מאמר כעין שיחה ד"ה (ת"ר) נ"ח מצותה משתשקע החמה כו׳.



הנחת הת׳ בלתי מוגה